


A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת תזריע–מצורע, ב׳ אייר תשס״ז
גליון 3, מספר 23

# פרשת אחרי מות–קדושים




## פרשת קדושים

"ובקוצרכם את קציר ארצכם לא תכלה פאת שדך לקצור...לעני ולגר תעזוב אותם," - דאס איז די מצוה פון פאה, אז ווען מען שניידט די תבואה פון פעלד, טאר מען ניט אפשניידן די גאנצע פעלד, נאר מ'דארף איבערלאזן א פלאץ מיט תבואה פאר ארעמעלייט.

וואס איז די אפלערנונג פון אט דער מצוה פאר יעדער אידן, אין זיין עבודת השם?

עס זיינען פאראן אידן וועלכע זיינען ארעם אין עבודת ה׳. א אידיש קינד,א בן אברהם יצחק ויעקב און א בת שרה רבקה רחל ולאה, צו וועמען ס'איז געגעבן געווארן גאנץ תורה, דארף מען לערנען און מחנך זיין צו שטייגן העכער און העכער, ביז צו זיין אן אמת'ער אדם, "אדם אתם" (אידן ווערן אנגערופן "אדם"). אבער עס זיינען דא אזעלכע וועלכע האבן ניט זוכה געווען צו א אידישן חינוך, ובמילא זיינען זיי "עניים", ארעם פון אידישקייט.

לערנט אונז די מצוה פון פאה, אז עס איז די פליכט פון די וואס האבן יע א "פעלד" מיט תבואה– וואס דאס איז א רמז אויף די אידן וואס האבן באקומען א אידישן חינוך - צו דאגה'ן פאר די ארעמע אידן אין אידישקייט.

מען דארף אויף זיי משפיע זיין און זיי נעענטער מאכן צו א לעבן פון תורה און מצוות, ביז אז אויך ביי זיי זאל זיין קענטיק אז זיי האבן די מעלה פון "אדם אתם".

ויהי רצון אז מען זאל זוכה זיין בקרוב ממש צו דער גאולה האמתית והשלימה דורך משיח צדקנו, ווען אלע אידן וועלן זיך אומקערן צו ארצנו הקדושה,

און יעדער איד וועט באקומען זיין חלק בארץ - ד׳ אמות אדער איין אמה – מיט אן אייגענעם פעלד,

און מ'וועט מקיים זיין אלע מצוות התלויות הארץ, אנהויבנדיק פון מצות פאה, מיטן גאנצן שטורעם, ווי זי איז מן התורה.

*(פון דער רבי׳ רעדט צו קינדער - א׳ דר״ח אלול תשד״מ)*

טייערע קינדער שלוחים,

עס שטייט וועגן ספירת העומר, "וספרתם לכם", איר זאלט אייך ציילן. דאס מיינט אויך איר זאלט דעם לכם – זיך –ליכטיק מאכן –פון ווארט "ספיר", אן איידלשטיין.

קינדער, די צייט פון ספירת העומר איז א צייט אין וועלכער מען ארבעט אויף אונזערע מדות, מאכן ליכטיק די נשמה עס זאל שיינען ביי אונז אינעווייניק.

ווי אזוי טוט מען דאס אויף? דורך לערנען פרקי אבות און באטראכטן וואס מען קען פארריכטן. אפשר דארף מען האבן מער אהבת ישראל צו די שוועסטער און ברידער, און אפשר דארף מען זיך צוהערן די ערשטע מאל ווען די מאמע אדער טאטע זאגן עפעס. אפשר דארף מען זיין פארזיכטיק ניט ווערן אין כעס אויף איינער וואס טוט אונז עפעס שלעכטס, און אפשר דארף מען האבן מער געדולד פאר א פריינט. די אלע זאכן מאכן אונז ליכטיק! דורך ליכטיק מאכן זיך, מאכן מיר ליכטיק ארום אונז, און מען מאכט ליכטיק די גאנצע וועלט מיט די ליכט פון די גאולה!

-א. וועכטער



# דער חסידיש'ער לוח

## י"ג אייר



י"ג אייר איז די יארצייט פון ר' ישראל ארי' לייב, דער אינגסטער ברודער פון רבי'ן. ער איז געבארן געווארן אין חודש סיון אין יאר תרסת אין שטאט ניקאלאיעוו. זיינע עלטערן, ר' לוי יצחק און רביצין חנה, האבן יעמאלט געהאט צוויי זין, דער רבי נשיא דורנו, און דובער.

אלס א יונגע קינד האט מען שוין באמערקט אז ער איז אויסערגעוויינטליך.

ניט לאנג פאר די צווייטע וועלט מלחמה, איז ר' ישראל ארי' לייב אריבערגעגאנגען צו תל-אביב אין ארץ ישראל. אין תל-אביב האט ער געלעבט נאנט צו די ליובאוויטשער קהילה, און האט אנטייל גענומען אין די שמחות און פארברענגענישן פון די חסידים. ער האט זייער געגליכן צו לערנען חסידישע מאמרים, און איז געבליבן אויף פיל נעכט לערנען מיט זיינע פריינט און ערקלערן צו זיי ענינים אין חסידות.

אין יאר תשי"א, ווען דער רבי איז געקומען אין ניו יארק, האט דער רבי געהאלטן א שטארקע פארבונד מיט זיין ברודער דורך די בריוו וואס זיי האבן איינעם צום צווייטן געשריבן. פיל מאל איז ר' ישראל ארי' לייב געווען דער ערשטער חסיד אין ארץ ישראל צו באקומען די ספרים וואס דער רבי האט געדרוקט, און האט זיי גלייך באוויזן צו די חסידים.

אין יאר תש"ח, איז ר' ישראל ארי' לייב געפארן וואוינען אין ענגלאנד. פיר יאר שפעטער איז ער נסתלק געווארן י"ג אייר תשי"ב ווען ער איז נאר געווען 42. דער רבי האט געבעטן אז מען זאל אים ברענגען פון ענגלאנד צו ארץ ישראל. פיל חסידים זיינען געווען מיט אים ווען ער איז אנגעקומען אין זיין פלאץ אין צפת.

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו



# האסטו געלערנט?

אין משנה ה' פון פרק שלישי שטייט "דער וואס נעמט אן אויף זיך די יאך פון תורה, וועט ניט דארפן ליידן פון די יאך פון ביזנעס און פון די רעגירונג."

אבער מיר האבן שוין געלערנט עפעס וואס זעט זיך אויס פארקערט. אין פרק ב: משנה ב' שטייט, "יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ", עס איז גוט צו האבן תורה מיט ביזנעס.

ווי אזוי קען מען פארענטפערן די צוויי קעגנזאציקע משניות?

עס ווערט דערציילט א מעשה וועגן א מאן וואס האט איבערגענומען זיין טאטנ'ס געשעפט. נאך א געוויסע צייט האט ער פארלארן אסאך געלט. ער האט ניט געקענט פארשטיין פארוואס זיין ביזנעס איז ניט מצליח אזוי ווי עס איז געווען אין די הענט פון זיין טאטע.

דער יונגער מענטש האט געדענקט אז יעדער מאל וואס זיין טאטע האט געהאט א פראבלעם, איז ער געפארן צו זיין רבי'ן, האט ער באשלאסן טאן דאס זעלבן.

ער האט אויסגעגאסן זיין הארץ, און דער רבי האט אים געפרעגט, "וואס האט דיין טאטע געטאן ווען ער האט ניט געהאט אסאך מענטשן אין געשעפט?"

"ער האט געלערנט אדער געזאגט תהילים." האט ער גלייך געענטפערט.

"און וואס טוסטו ווען דו האסט צייט?"

האט דער מענטש געענטפערט, "מיין טאטע האט ניט געקענט לייענען ענגליש, און האט זיך ניט אינטערעסירט אין וואס עס טוט זיך אין וועלט. איך ליין און פארשטיי ענגליש, דעריבער ליין איך די צייטונג ווען איך האב פרייע צייט."

דער רבי האט אים אנגעקוקט און האט געזאגט, "יעצט פארשטיי איך פארוואס דו ביזט ניט מצליח. דער שטן האט ניט געקענט ליידן אז דיין טאטע לערנט תורה, האט ער אים געמאכט פארנומען מיט מענטשן, אבער דו פארפאסטס דיין צייט, און דער שטן ארבעט ניט אזוי שווער ברענגען דיר מענטשן אז דו זאלסט דיר אוועקנעמען פון וואס דו טוסט."

די משנה לערנט אונז אז ווען א מענטש נעמט אן אויף זיך דעם עול פון תורה, נעמט מען אראפ פון אים די יאך פון פרנסה. ער דארף טאקע אריינגיין צו זיין געשעפט, אבער ער דארף זיך ניט זארגן אויף דעם, ווייל דער שטן וועט אים אלעמאל שיקן מענטשן אז ער זאל ניט לערנען. אבער אויב איינער ווארפט אראפ פון זיך די יאך פון תורה, און פארנעמט זיך ניט מיט תורה ווען ער האט צייט, איז דער שטן זייער צופרידן און שיקט אים ניט מענטשן.



# דערציי׳ל מיר א מעשה

ר' גבריאל איז געווען פון די בעלי בתים אין וויטעבסק, און א חסיד פון אלטן רבי'ן. ר' גבריאל האט געהאט א גוטן לעבן, אבער איין זאך האט געפעלט: עס זיינען דורגעגאנגען שוין פינף און צוואנציק יאר זינט דער חתונה, און קיין קינדער האבן זיי ניט געהאט. דאן איז, דורך געוויסע רדיפות וואס ער האט געליטן, האט ער פארלארן זיין פארמעגן. ער האט דעריבער געהאט פיל פארדרוס ווען עס האט זיך געמאכט ביים אלטן רבי'ן אן ענין פון פדיון שבויים און ער, ר' גבריאל, האט זיך נישט געקענט באטייליקן אין דעם מיט דער סומע וואס מען האט אויף אים ארויפגעלייגט. ווען זיין פרוי האט זיך דערוואוסט פון דעם אלעם, האט זי פארקויפט אירע פערל און צירונג פאר וועלכע זי האט באקומען די נויטיקע סומע: זי האט די מטבעות געשייערט ביז זיי האבן געבלישטשעט, און מיט א תפילה אז אויך זייער מזל זאל אויפשיינען, האט זי פארפאקט די מטבעות און האט עס געגעבן דעם מאן אוועקצופירן צום אלטן רבי'ן.

אריינקומענדיק צום רבי'ן אין ליאזנא, האט ר' גבריאל אוועקגעלייגט דעם פעקל אויפן טיש און אויף דעם רבי'נס אנווייזונג עס דאן פאנאנדערגעפאקט. די מטבעות האבן אויסערגעוויינליך ליכטיק אויפגעשיינט.

דער אלטער רבי האט זיך פארטראכט און געזאגט: "פון דעם גאלד און זילבער און קופער וואס אידן האבן געגעבן אויפ'ן משכן האט קיין זיך ניט געשיינט אזוי ווי דער כיור וכנו וואס איז געווען געמאכט פון די קופערנע שפיגעלעך וואס די אידישע פרויען האבן מיט מסירות נפש און שמחה געשאנקען פאר דעם משכן. דערצייל מיר פון וואנעט האסט דו די מטבעות!"

ר' גבריאל האט געמוזט דערציילן וועגן זיין לאגע און ווי אזוי זיין פרוי חנה רבקה בת ביילא האט געשאפן די געלט.

דער אלטער רבי האט זיך אנגעשפארט אויף זיינע הענט א צייט אין דבקות. דער רבי האט דאן אויפגעהויבן די קאפ און האט עם מיט זיין פרוי געבענשט מיט קינדער, אריכות ימים, רייכום און אויסערגעוויינליכן נשיאות חן. ער האט געהייסן ר' גבריאל'ן צוזאמאכן זיין געשעפט אין וויטעבסק און נעמען האנדלן מיט איידלשטיינער און בריליאנטן.

דעם רבי'נס ברכה איז פולקאם מקויים געווארן. ר' גבריאל נושא חן איז געווארן אן עושר - א רייכע מענטש, און בא זיי זיינען געבארן געווארן זין און טעכטער. ער איז נפטר געווארן אין עלטער פון 110 יאר, און זיין פרוי האט געלעבט צוויי יאר לענגער!

*די לערע פון די סיפור, צווישן די אנדערע טיפע ענינים אין אים, איז: כאטש די מטבעות פון צדקה זיינען די זעלבע אין צאל און אין ווערט, איז אבער אז מען גיט עס מיט מסירות נפש און שמחה באקומען די זעלבע מטבעות גאר אן אנדער ווערט און אן אנדער ליכטיקייט, און עס מאכט ליכטיק דאס לעבן אפילו אויף דער וועלט, און אודאי אין דער ליכטיקער וועלט.*

(פון א בריוו פון רבי'ן לג בעומר תשכ"ג)




אין פרשת אחרי מות לייענט מען וועגן די ימים טובים. די יום טוב וואס ווערט אנגערופען "אחת בשנה"– אן איינציקער טאג אין יאר איז דער יום טוב פון יום כיפור.

די ספעציעלקייט פון יום כיפור דרוקט זיך אויס אין די ספעציעלע תפילות פון דער טאג. די לעצטע תפילה וואס מיר דאווענען יום כיפור איז "נעילה", ווען די אידן האלטן ביי די העכסטע דרגה. אין אט די הויכע דרגה דריקט זיך אויס דאס וואס איז די הייליקסטע זאך פאר אונז.

דער סאמע אפשלוס פון יום הכיפורים איז– צו בלאזן דעם שופר און אויסשרייען, "לשנה הבאה בירושלים" וואס דערמאנט אונז אויף דעם "תקע בשופר גדול לחירותינו בגאולה האמיתית והשלימה."

אויף די העכסטע טאג, אין די העכסטע צייט, באווייזן מיר וואס איז די העכסטע גלוסטונג פון אונזער הארצן - די גאולה האמיתית והשלימה!

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת אחרי מות-קדושים

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך,
און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

לייען די פאלגענדע זאצן און שרייב אויב עס איז אמת אדער שקר.

| | | |
|---|---|---|
| די פרשיות פון אחרי מות און קדושים לייענט מען אלעמאל צוזאמען | אמת | שקר |
| פרשת קדושים רעדט זיך וועגן די עבודה פון יום כיפור | אמת | שקר |
| מיר לייענען פרשת אחרי מות צוויי מאל יום כיפור | אמת | שקר |
| פרשת קדושים איז די פרשה וואס אנהאלט אין זיך די מערסטע מצוות | אמת | שקר |
| מיר לייענען אחרי מות יעדן יאר דער שבת פאר ל"ג בעומר | אמת | שקר |
| פרשת אחרי מות איז געזאגט געווארן נאך די הסתלקות פון די צוויי זין פון אהרן | אמת | שקר |
| פרשת קדושים רעדט זיך וועגן קרבנות וואס זיינען קדשים קלים, און ניט קדשי קדשים | אמת | שקר |
| פרשת אחרי מות דערציילט אונז וואס א כהן זאל ניט טאן | אמת | שקר |

הצלחה רבה

נאמען: ______________________________ ווי אלט: ______

אדרעס: ____________________________________________________________

אימייל: ______________________________

די געווינער פון פרשת תזריע-מצורע: שניאור זלמן בערגשטיין, 8